בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

328 | פרשת אחרי מות קדושים | תש"פ

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער כהן גדול זאגט 'הגומל'?

**"דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ... וְלֹא יָמוּת"** (טז ב)

"ווען דער כהן איז אריין לפני ולפנים... האט ער זוכה געווען - איז ער ארויס בשלום, האט ער נישט זוכה געווען - פון צווישן די צוויי כרובים איז ארויס א פלאם-פייער און איז פארברענט געווארן פון אינעווייניג" (זהר חדש בראשית כד ב).

דער ראשון לציון **רבי אליעזר נחום** בעל 'חזון נחום' אויף משניות - דער רבי פון חיד"א - רעדט פון די שאלה, נאך וואס דער כהן גדול האט זוכה געווען ארויסגיין בשלום פון די קודש הקדשים אין יום כיפור צי ער האט געדארפט זאגן די ברכה 'הגומל'?

**רבי יצחק זרחיה אזולאי** דער פאטער פון חיד"א האט אים געענטפערט: די ברכה 'הגומל' האט מען מתקן געווען פאר איינער וואס איז געווען אין א מקום סכנה און איז גראטעוועט געווארן. עס איז קלאר אז די פלאץ פון השראת השכינה קען נישט אנגערופן ווערן א 'מקום סכנה', און דאס צי ער וועט זוכה זיין ארויס גיין בשלום פון דארט איז אנגעהאנגען אין אים, צי ער איז ערליך צי נישט, דעריבער נאכן ארויסקומען בשלום זאגט ער נישט די ברכה 'הגומל'.

'מחזיק ברכה' [פון חיד"א] או"ח ריט א-ב

### מ'טאר זיך נישט 'צוגעוואוינען' אין עבודת ה'

**"וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ"** (טז ב)

**רבי חיים שמואלעוויץ** ראש ישיבת מיר האט אזוי געזאגט:

איינע פון די וועגן וואס פירן דעם מענטש צו שלימות אין עבודת הבורא, איז אכטונג געבן פון געוואונהייט. עבודת ה' דארף שטענדיג געטון ווערן מיט א פרישקייט און התבוננות אן א אויפהער, דאקעגן די געוואוינהייט לעשט אויס יעדע פינק פון קדושה און התרוממות. אזוי ווי דער נביא האט אויף דעם געווארנט (ישעיה כט יג): "יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני ותהי יראתם אתי מצות אנשים מלמדה".

דער יסוד איז דער פסוק אונז דא מרמז: "ואל יבא בכל עת אל הקודש", און אזוי ווי רש"י ערקלערט: "ולפי שגילוי שכינתי שם יזהר שלא ירגיל לבוא". ד.מ.: די תורה האט חושש געווען אויב דער כהן וועט זיך צוגעוואוינען צו דעם וועט דאס אפשוואכן די הייליגע געפילן וואס ער דארף פילן ווען ער האלט זיך אויף אין די הייליגע פלאץ, דעריבער האט די תורה באפוילן: "ואל יבא בכל עת...".

אויף הרה"ק **רבי יואל פון סאטמאר** זצ"ל ווערט דערציילט: אז זייענדיג אמאל אויף א חתונה, האט דער בדחן געבעטן רשות נאכמאכן דעם רבי'נס תנועות א.ד.ג. אלץ שמחת חתן וכלה. ווען דער רבי האט מיט זיין עניוות געגעבן רשות, איז דער בדחן ארויף אויפן טיש און ער האט אנגעהויבן נאכצומאכן די תפילות און דער נוסח פון רבי'ן. פלוצלינג האט דער בדחן באמערקט אז דער רבי האט אנגעהויבן ביטערליך צו וויינען. ער האט געטראכט צו זיך אז ער צו שטארק נאכגעמאכט דעם רבי'ן, איז ער אראפ פון טיש און איז צוגעגאנגען איבער בעטן דעם רבי'ן, ווען ער מורמלט זיך אונטער "איך האב דאך באקומען רשות...".

אבער דער רבי האט אים בארואיגט, "דארפסט זיך נישט שרעקן, איך האב נישט געוויינט ווייל דו האסט מיר געטשעפעט, נאר ווען איך האב געזעהן אז דו מאכסט פונקליך נאך מיינע תנועות, וויאזוי איך דאוון און איך בין עוסק אין עבודת ה', האט איך געטראכט - אז עס קען זיין אז איך מאך מיך אליין נאך... אפשר דאוון איך נישט מיט א טאג טעגליכע התחדשות, נאר ווי א שפילער וואס טוהט עס נאר חיצוניות'דיג - און וועגן דעם איז פאסיג איך זאל וויינען".

'שיחות מוסר' תשל"א מאמר סו ; 'לקח טוב' חיים של תורה ח"ב מאמר נד

### 'חברים כל ישראל ונאמר אמן'

**"וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'"** (יט יח)

א ספעציעלע וועג וויאזוי מקיים זיין די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' האט דער **מהר"ם שיק** אויסגעלערנט:

אסאך ברכות לויבן מיר אויף א פערזענליכע טובה וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון, ברוחניות צי בגשמיות, און אזוי ווי מיר טרעפן אז א טייל פון זיי זאגן מיר בלשון יחיד: 'שלא עשני גוי'; 'שעשה לי כל צרכי'. קומט אויס אז דער וואס ענטפערט אמן נאך די ברכה פון זיין חבר, טוט ער זיך באטייליגן אין די פרייד וואס דער חבר האט. דאס פארמערט די ליבשאפט צווישן זיי, און ער איז מיט דעם מקיים די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך'.

אויף דעם האבן די חכמים מרמז געווען מיטן זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן"; "העונה אמן בכל כוחו" - זיין שמחה מיט זיין חבר'ס טובה נעמט אים אינגאנצן ארום, און דורך דעם איז ער מער מקפיד אויף די מצוות שבין אדם לחברו, און אזוי ווערן פארמערט זיינע זכויות און די "שערי גן עדן" ווערן פאר אים געעפענט.

מיט דעם יסוד טייטש דער **'תפארת שלמה'** די מאמר פון די חכמים (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך". דער מברך לויבט אויף זיין אייגענע הנאה, אבער דער וואס ענטפערט אמן לויבט אויף זיין חבר'ס טובה, און דאס איז א געוואלדיגע זאך, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהילים (קז א): "הודו לה' כי טוב כי **לעולם** חסדו", ד.מ.: דער עיקר לויב פאר ה' איז אז ער טוט גוט'ס מיט די גאנצע וועלט.

'דרשות מהר"ם שיק' דרוש קמ"ד - נצבים; 'תפארת שלמה' שער התפילה

לויט דעם קען מען צולייגן און ערקלערן: דער וואס איז מקפיד פארן דאווענען ענטפערן אמן נאך זיין חבר וואס לויבט אויף די גוט'ס פון הקב"ה ביי די ברכות השחר, איז ער מיט דעם מקיים די ווערטער פון אר"י הקדוש (הובאו במג"א ריש סי' מו) אז יעדער מענטש דארף פארן דאווענען מקבל זיין אויף זיך די מצוה פון: "ואהבת לרעך כמוך".

### איך בין פארזיכערט אין 'זאת'

**בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ** (טז ג)

זאגט דער חיד"א:

חז"ל זאגן (ירושלמי תענית ב א): "דריי זאכן קענען מבטל זיין א שלעכטע גזירה: תפלה ['קול'] און צדקה ['ממון'] און תשובה ['צום']". דער וואס טראכט אריין וועט זען א אינטערעסאנטער זאך, די גימטריה פון יעדע איינע פון די דריי ווערטער: 'קול', 'ממון', 'צום', איז הונדערט זעקס און דרייסיג, און צוזאמען באטרעפן זיי דריי הונדערט און אכט אזוי ווי די גימטריה פון 'זאת'.

דער פסוק איז אויף דעם מרמז: "ב'זאת' יבוא אהרן אל הקודש" - מיט דער כח פון די דריי זאכן וואס זענען מרומז אין 'זאת', וועט אהרן קענען אריינגיין אל הקודש און מכפר זיין אויף די אידן אין דעם טאג פון יום כיפור. אויף דעם איז אויך מרמז דער פסוק אין תהילים (כז ג): "אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה לֹא יִירָא לִבִּי אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה **בְּזֹאת** אֲנִי בוֹטֵחַ". אין יעדע צייט פון א צרה וואס קומט אויף מיר, טוה איך מיך פארלאזן אויף די דריי זאכן וואס זענען מרומז אין 'זאת', וואס אין זייער זכות וועל איך זוכה צו א ישועה.

'נחל קדומים'; 'חומת אנך'

### דאווענען אין סידור פאררעכט די ראיה

**"אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִם וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם"** (יט ד)

האדמו"ר **רבי מנחם מענדל פון סטריקוב** זאגט:

יעדע זאך וואס א מענטש זעט ווערט אויסגעקריצט אויף זיין הארץ; דער וואס זעט גוטע זאכן, ווערן אויסגעקריצט אויף זיין הארץ גוטע זאכן. און חלילה דער וואס איז נכשל געווארן מיט זען זאכן וואס מ'טאר נישט, זענען אויף זיין הארץ אויסגעקריצט אויך דברים אסורים. דעריבער האט די תורה אנגעווארנט: "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִם" - אפילו קוקן אויף זיי, ווייל אויב ענק וועלן מקפיד זיין אויף דעם זענען ענק פארזיכערט: "וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם" - אין ענקער הארץ, וואס וועט איבערבלייבן ריין און ציכטיג.

און ער לייגט צו: א עצה עס זאל זיין אויסגעקריצט אויף אונזערע הערצער גוטע זאכן, זיך צו געוואוינען קוקן בשעת'ן דאווענען אין די הייליגע אותיות, ווייל קוקן אויף זיי קען מבטל זיין פון הארץ דער שלעכטער צייכן וואס איז געווארן אויסגעקריצט אין אים צוליב די נישט גוטע ראיות וואס ער איז מיט זיי נכשל געווארן דורכאויס דער טאג.

'בישישים חכמה' עמ' פה



עַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ

[אויך אין די צער און די ווייטאג,] זענען מיר שטענדיג זוכה צו זעהן גרויסע ניסים. מיר אלע ווארטן און האפן ארויסגיין פון די ענגשאפט און זעהן נאר ניסים און ישועות. מיר גלייבן מיטן גאנצן הארץ אז 'ישועת ה' כהרף עין', און מיר ווארטן אויף דעם מיט א בענקעניש. טייערער ברודער! מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן איז א פארזיכערטע סגולה, נישטא נאך אין זיין גלייכן, דורך דעם איז מען זוכה זיין צו ניסים, אזוי שרייבט דאך דער קאזניצער מגיד ('נר ישראל' כוונת חנוכה ד"ה ועושים):

**'לויט די אל"ף בי"ת, די אותיות וואס זענען נאך א.מ.ן זענען ב.נ.ס - דיך צו לערנען אז נאך אמן קומט דער נס'**

לאמיר מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, בכל בית נאמן בישראל,
און מיר אלע זאלן זוכה זיין ארויס צו גיין מצרה לרווחה,
מאפילה לאורה השתא בעגלא ובזמן קריב ונאמר אמן

'בני אמונים' - אמן מיט כוונה אויף יעדע ברכה

# תענה אמונים

פערל ווערטער און ערקלערונגען אויף 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - בקשות הרחמן (יא)

### מלכות בית דוד און ימות המשיח

צו די בקשה "הרחמן הוא יזכנו לימות המשיח ולחיי העולם הבא", שטעלן מיר צו דעם פסוק פון דוד המלך עליו השלום (שמואל ב' כב נא; תהילים יח נא): "מִגְדּוֹל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם", וואו דארט בעהט דוד המלך, אזוי ווי דער אייבערשטער האט גרויס געמאכט זיין חסד און זיין ישועה אויף אים ['למשיחו' מיינט דוד המלך וואס איז געזאלבט געווארן מיט שמן], אזוי זאל ער אויך טון חסד מיט אים און מיט זיינע קינדער ביז אייביג (רד"ק). און ווייל אין די צייט פון משיח וועט מלכות בית דוד צוריק קומען צו איר גרויסקייט, דעריבער האט מען צוגעשטעלט דער פסוק צו 'הרחמן הוא יזכנו לימות המשיח' (ר"י ב"ר יקר).

### 'מגדיל' און 'מגדול' אינדערוואכן און שבת

אנדערשט פון דער וועג וואס די ווארט 'מגדול' ווערט דערמאנט אין דער פסוק אין ספר שמואל - מיט א חול"ם, ווערט די ווארט דערמאנט אין דער פסוק אין ספר תהילים מיט א חיר"ק - 'מגדיל'. ביים בענטשן ווערן דערמאנט אלעביידע גירסאות; אינמיטן וואך זאגן מיר 'מגדיל' אזוי ווי אין תהילים, דאקעגן אין די טעג וואס מ'איז מקריב א מוסף זאגט מען 'מגדול' אזוי ווי אין ספר שמואל. עס זענען דא וואס האבן געגעבן אויף דעם א סימן פון דער לשון הפסוק (ישעיהו א יג): "חודש ושבת קרא מקרא", שבת און ראש חודש דארף מען זאגן 'מגדול' אזוי ווי עס שטייט אין ספר שמואל וואס איז 'מקרא', און נישט 'מגדיל' אזוי ווי עס שטייט אין תהילים וואס איז אין די 'כתובים' ('מטה משה' עמוד העבודה סי' שמא).

דער אונטערשייד צווישן 'מגדיל' און 'מגדול' ערקלערן די חכמים אין מדרש (שוחר טוב יח):

"אין איין פסוק שטייט: 'מגדול' און אין איין פסוק שטייט: 'מגדיל'; רבי יודן זאגט: ווייל די גאולה קומט נישט אויף איינמאל, נאר צוביסלעך צוביסלעך. און וואס איז 'מגדיל'? ווייל עס ווערט גרעסער און גרעסער פאר די אידן - וואס יעצט זענען זיי אין גרויסע צרות, און אויב די גאולה וועט קומען אויף איינמאל קענען זיי נישט אויסהאלטן די גרויסע ישועה, ווייל עס קומט צוזאמען מיט גרויסע צרות, דעריבער קומט עס צוביסלעך צוביסלעך און עס ווערט גרעסער און גרעסער.

דעריבער איז די גאולה צוגעגלעכנט צו 'שחר', אזוי ווי עס שטייט: 'אז יבקע כשחר אורך' (ישעיה נח ח), פארוואס איז עס צוגעגלעכנט צו 'שחר'? ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע פינסטערניש מער פון יענע צייט וואס איז נאנט צו די שחר, און אויב די זון וועט ארויף קומען אין די צייט וואס די מענטשן שלאפן, וואלטן אלע מענטשן געקענט געשעדיגט ווערן. נאר דער עמוד השחר קומט ארויף און מאכט פריער ליכטיג דער וועלט, און נאכדעם קומט ארויף דער גלגל חמה און באלייכט דער וועלט, און די מענטשן ווערן נישט געשעדיגט... און וואס איז 'מגדול'? אז מלך המשיח ווערט פאר זיי ווי א מגדל, און אזוי שטייט (משלי יח י): 'מגדל עוז שם ה' בו ירוץ צדיק ונשגב'".

מיט דעם ווערט ערקלערט אין סידור 'אוצר התפילות' (עיון תפילה) דער אונטערשייד צווישן שבת און אינדערוואכן: שבת וואס איז מעין עולם הבא, זאגט מען 'מגדול' על שם די ימות המשיח, דאקעגן אין די וואך טעג וואס מיר זענען פארפארעט אין אונזער ארבעט, און עס א בחינה פון גלות, זאגן מיר 'מגדיל', ווי א תפילה צו הקדוש ברוך הוא ער זאל פארגרעסערן די ישועה פונעם מלך המשיח.

נאך ערקלערט דער אבודרהם: די ווארט 'מגדיל' איז געזאגט געווארן אין ספר תהילים, בעפאר ער איז געווארן דער קעניג אויף די אידן, אבער די ווארט 'מגדול' שטייט אין ספר שמואל, נאכן ווערן קעניג אויף די אידן, דעריבער אין שבת דערמאנען מיר 'מגדול', ווייל אויך דער שבת איז ווי דער 'מלך' אויף די וואכעדיגע טעג.

### אום שבת דאוונט מען אזוי ווי דער נוסח פון די נביאים

רבי ישעיה בערלין ברענגט אויף דעם נאך א הסבר אין נאמען פון זיין פאטער, געבויעט אויף די משנה (שבת קטו א, ע"פ רש"י שם בשם רבינו הלוי) אז אין שבת האט מען נישט געליינט אין כתובים ווייל עס ציט צו ליינען, און די חכמים האבן חושש געווען אויב מ'וועט אין דעם ליינען וועט מען נישט קומען צו די דרשה אין בית המדרש. אבער אין ספרי נביאים מעג מען ליינען. מיט דעם קען מען אפשר ערקלערן אז שבת וואס מ'ליינט נישט קיין כתובים האט מען ענדערשט באשטימט צו זאגן ביים בענטשן דער נוסח 'מגדול' וואס ווערט געברענגט אין נביאים (נימוקי הגרי"ב, מובא בסוף סידור 'אוצר התפלות' ח"ב).

אין ספר 'מקור התפילות' (מישקאלץ תרצ"ה, דף מג) שטייט נאך א טעם פארוואס אין שבת זאגט מען 'מגדול', ווייל דאס קומט דערמאנען די גרויסע ביטחון וואס די אידן האבן געהאט ביי קריעת ים סוף, ווען הקדוש ברוך הוא האט זיי געהייסן רועהן: "בין מגדול ובין הים" (שמות יג כ) און ווייל דאס איז געווען אין שבת (ראה שם שהביא כן בשם סדר עולם) דעריבער שבת דערמאנען מיר 'מגדול'.

### ענדיגן די בקשות מיט א בקשה אויף שלום

ביי די ענדע פון אלע בקשות זענען מיר מוסיף א ספעציעלע בקשה אויף שלום: "עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן". ערקלערט דער אבודרהם: ווייל ביי די ברכות אין פרשת בחוקותי שטייט "ונתתי גשמיכם בעתם" און נאכדעם "ונתתי שלום בארץ" און חז"ל זאגן אויף דעם (ספרא בחקותי א א) אז אלע ברכות האבן נישט קיין נוצן אן שלום, ווייל שלום איז חשוב אקעגן אלעס, דעריבער ענדיגט מען דאס בענטשן מיט די ברכה פון שלום.

ענליך צו דעם ערקלערט דער 'מטה משה' (ח"ב שמב) געבויעט אויף די ווערטער פון רש"י אויפן פסוק (ויקרא כו ו): "ונתתי שלום בארץ" - "שמא תאמרו: הרי מאכל הרי משתה, אם אין שלום אין כלום...", און צוליב דעם האט מען אריינגעשטעלט ביים בענטשן די בקשה אויף שלום.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## על מה זאת עשה ה' לנו

זומער תשל"ט. די ביטערע נייעס האט זיך שנעל פארשפרייט און האט אויפגעטרייסלט די הערצער. א שרעקליכער אומגליק האט באטראפן די שיינע צאנז'ער קהילה, מיט די טראגישע פטירה פון רבי אהרן ק., א חשובער און איידעלער יונגערמאן, א ירא שמים און א תלמיד חכם, פון די נאנטע מקורבים ביי זיין רבי דער בעל 'שפע חיים' פון צאנז זצוק"ל.

רבי אהרן האט פארלוירן זיין לעבן אין א שרעקליכע עקסידענט וואס האט פאסירט אין די שטעטל וואו דער רבי האט געוואוינט, יוניאן סיטי אין ניו-דזשערזי, און ער איז געווען אינמיטן זיינע בליענדע יארן. זיין פטירה האט שאקירט זיינע הונדערטער חברים און ידידים וואס מיט זיי איז ער געווען זייער צוגעבינדן.

רבי אהרן וואס איז נפטר געווארן זייענדיג אינמיטן זיין בליענדן וואקסן האט איבער געלאזט נאך זיך א אלמנה און יונגע יתומים, זיין פטירה האט אראפ געברענגט א גרויסער טרויער אויף די צאנזער קהילה, און אלע האבן געפילט אז זיי דארפן מפשפש זיין אין זייערע מעשים און תשובה טון.

אין די הארצרייסנדע לויה האבן זיך באטייליגט הונדערטער חסידים וואס האבן יאמערליך געוויין אויף די שרעקליכע אמגליק וואס האט פלוצלינג פאסירט. די מספידים האבן ערוועקט די הערצער און אלע האבן פארשטאנען אז אויף זיי ליגט א אחריות צו זעהן און נאכגיין פארוואס דער אייבערשטער האט זיי אזוי שווער געשטראפט.

קוים זענען אויסגעטרוקנט געווארן די טינט פון די לויה-צעטליך אויף די פטירה פון דעם ערליכן יונגערמאן. נאך בעפאר די צאנזער חסידים האבן זיך געקענט אויפכאפן פון די שטארקע קלאפ וואס זיי האבן באקומען, האט זיי אנגעטראפן נאך א שרעקליכע בשורה; רבי משה נחמיה ש. איז פלוצלינג נפטר געווארן.

פונקט ווי רבי אהרן, אויך רבי משה נחמיה איז געווען א יונגערמאן א צדיק און א תלמיד חכם, אויך ער איז געווען פון די מקורבים פון דער רבי, באליבט און געשעצט ביי אלע זיינע חברים און גוטע פריינד. ער האט אויף איבערגעלאזט נאך זיך א אלמנה מיט קליינע יתומים, און די הערצער האבן נישט געוואלט גלייבן.

אין די שווערע צייט האט יעדער חסיד געטראכט ביי זיך אין הארץ וואס ליגט אויף אים זיך צו פארבעסערן, קיינער פון זיי איז נישט איבערגעבליבן ביי זיך גלייכגילטיג א קעגן אזעלעכע טראגישע אומגליקן וואס האבן פאסירט איינס נאכן צווייטן. פאר אלעמען איז געווען קלאר אז עס איז נישט קיין 'מקרה', א פאסירונג, נאר פון הימל וויל מען אונז ערוועקן. יעדער האט געטון זיין חשבון הנפש און געזען וואס ער דארף פארריכטן.

און פון די צווייטע זייט, אלע האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און געווארט צו הערן פון דער הייליגער רבי, וואס די ווייטאג און קלאג האט זיך שטארק דערקענט אויף זיין הייליגן געשטאלט, אבער כאטש אלע האבן געווארט צו הערן וואס דער רבי וועט זאגן, האט דער רבי זיך ארום גענומען מיט א שווייגעניש.

אין לויף פון די 'שבעה' טעג האבן די מקורבים פון דער רבי פראבירט ארויסהאבן פון רבי'ן אפילו איין ווארט אויף די סיבה פון די שווערע אומגליקן וואס האט זיי אנגעטראפן. זיי האבן געפילט אז די מדת הדין איז אויסגעשפרייט העכער זיי און מ'דארף זען וואס מ'דארף פארריכטן, אבער דורכאויס די זיבן טעג פון די אבילות איז דער רבי געליבן ארום גענומען מיט א שווייגעניש און האט נישט געוואלט רעדן איבער די טעמע.

א וואך צייט האבן די חסידים געלעכצעט צו הערן עפעס א ווארט פון רבי'ן. אין לויף פון די וואך האבן זיך אלע געגרייט צו הערן וואס דער הייליגער רבי וועט זאגן.

נאך די 'שבעה', אזוי ווי יעדן דאנערשטאג, האבן זיך די חסידים צוזאמגעקוועשט ארום דעם רבי'נס טיש וואס ביז א קורצע צייט האט זיך געדארפט אנהייבן זיין שיעור אין חומש - רש"י אזוי ווי זיין שטייגער יעדע וואך, און האבן געווארט צו הערן דעם רבי'נס בליק אויף די געשעהנישן. דאס בית המדרש איז דאס מאל געווען אינגאנצן פול, פון איין עק צום צווייטן, דער גרויסער עולם איז געזיצן געשפאנט, געווארט צו הערן דברי אלקים חיים, וואס דארף מען פארריכטן און וועלעכע הנהגה דארפן זיי זיך פארבעסערן כדי דער צארן פון ה' זאל זיך פון זיי אפטון.

"וירא ה' וינאץ מכעס בניו ובנותיו" - האט דער רבי אנגעהויבן מיט א שטילן טאן ציטירנדיג א פסוק פון שירת האזינו, און האט פארגעזעצט: "ויאמר אסתירה פני מהם אראה מה אחריתם; כי דור תהפוכות המה בנים לא אמן בם". און צוגעברענגט וואס חז"ל זאגן (ספרי דברים שכ, ילקוט רמז תתקמה): אמר רב דוסתאי בן יהודה, אל תקרי 'לא אֵמֻן בם', זאלסט נישט ליינען אֵמֻן', נאר 'לֹא אָמֵן בם', אז זיי האבן נישט געוואלט ענטפערן אמן'.

די ווערטער פון דער רבי זענען געווען אויסגערעכנט, און זיינע ווערטער האבן אריינגעדרינגען אין די טיפענישן פון די הערצער: "אמן", האט דער רבי געזאגט, איז ראשי תיבות: 'אהרן, משה נחמיה'; דאס איז נישט אומזינסט, נאר אונז צו לערנען ווייל מיר האבן נישט אכטונג געגעבן ביים ענטפערן אמן זענען מיר געשטראפט געווארן מיט די פטירה פון די צוויי ערליכע יונגעלייט אין א יונגן עלטער. לאמיר זיך אלע מחזק זיין צו ענטפערן אמן בקול רם און מיט די ריכטיגע כוונה, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין אז השי"ת וועט אפטון דער חרון אף פון העכער אונז און מער זאל מיר שוין נישט וויסן פון קיין צרות".

די ווערטער פון דער רבי האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף די צוהערהער וואס האבן זיך אונטערגענומען כאיש אחד בלב אחד צו פאררעכטן און זיך מחזק זיין אין דער טעמע. אסאך צייט שפעטער האט זיך נאך דערקענט די געוואלדיגע חיזוק צווישן אלע בני הקהילה.

'שירו למלך' עמ' 217; 'כתר מלוכה' עמ' שעב

עיצובים shay